THE NEW YORK PUBLIC LIBRARY
OCT 19

וועטער:
אמייסטן קלאר און מילד

6.45 —
5.43 —

Largest Circulation
of any Newspaper entering Jewish
Homes in Western Canada.

דאס אידישע ווארט

THE GATEWAY OF THE WEST.

The Israelite Daily Press

מער פארשפרייט
אין די אידישע היימען פון מערב קאנאדע
ווי אלע אנדערע אידישע און ענגלישע
צייטונגען צוזאמען

Vol. 21, No. 228. Wed. Oct. 14, 1931. Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג מיטוואך ג' חשון, תרצ"ב.

שפאניע טיילט אפ קאטוילישע קירך פונ'ם שטאט

נאציאנאלע פארזאמלונג נעמט אן פונקט פון קאנסטיטוציע, וואס מאכט א סוף צו הונדערטער יעריקער פינסטערער מאכט פון דער קירך אין שפאניע. — אנדערע רעכט פון קירך באשריינקט מיט מערהייט פון 267 צו 41 שטימען

מאדריד, שפאניע, אקט. 14.— מיט 267 שטימען קעגן 41, האט די נאציאנאלע פארזאמלונג לעצטן אוונט אנגענומען דעם ארטיקל דריי פון דער נייער רעפובליקאנער קאנסטיטוציע, וואס טיילט אפ די קאטוילישע קירך פונם שטאט, באשריינקט דער קירכס רעכט און באשטימט געוויסע באשריינקונגען קעגן רעליגיעזע ארדענס און אינסטיטוציעס.

אין שטאט איז די נייעס וועגן דעם באשלוס פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג אויפגענומען געווארן מיט אן אנטי־קירכלאכע ארבעטער דעמאנסטראציע. די דעמאנסטראנטן האבן געשריען "נידער מיט די קירך". די פאליציי, מורא האבנדיק פאר נייע אויסברוכן קעגן דער קירך, האט אבער צעטריבן די דעמאנסטראנטן.

מיט דעם באשלוס פון דער נאציאנאלער פארזאמלונג איז געקומען צו אן ענד די פינסטערע מאכט וואס האט געהאלטן שפאניע אין איר קלעם פאר פיל הונדערטער יארן.

די גאלעריעס און קארידארן זיינען געווען געפאקט אין דער פארזאמלונג געביידע, ווען די קירך פראגע איז דיסקוטירט געווארן. דער פונקט וועגן דער אפטיילונג פון דער קירך איז לכתחילה פארגעשלאגן געווארן אין א סך א שארפערער פארם, אבער ער איז דערנאך פארמילדערט געווארן. דער אנגענומענער פונקט פאדערט אויף די רעגירונג צו שאפן ספעציעלע קירך געזעצן וואס זאלן פארבאטן די באשעפטיקונג פון רעליגיעזער אינסטיטוציעס אין האנדל אדער אינדוסטריע, און וואס זאל דער רעגירונג געבן דאס רעכט זיי צו צעטרייבן ווען עס זיינען דא אורזאכן. עס איז דא אויך א פונקט וואס פאדערט די אויפלייזונג פון די ארדענס וואס נעמען פאר זיך רעכט אין קעגנזאץ צום שטאט, מיט וואס מען מיינט באזונדערס די יעזואיטן.

די סאציאליסטישע פירער זיינען געווען קעגן דעם פארמילדערטן פונקט, ווייל זיי האבן אים באטראכט פאר צו מילד.

אנב־אורחא
פון מארק

פראפ. אסבארן וועגן די קולטורעלע אספעקטן אינם סאוועטישן עקספערימענט

ריידנדיק פון וועגן דעם ביים פארום דער אידישער קולט. געזעלשאפט פרייטאג אוונט, האט פראפ. אסבארן צו־ערשט דערקלערט, אז די מענשלאכע גייסטיקע קולטור אנטוויקלט זיך ניט דוקא מיט דער זעלבער שנעלקייט ווי די טעכניק, און דאס איז געפערלאך פאר דער מענשהייט.

ער האט געבראכט פאר א ביישפיל זיין געבורטס־שטעטל אין מזרח קאנאדע, וועלכע געפינט זיך אויף א גרויסן אווטאמאביל טראקט, איז פארבונדן מיט ראדיא מיט ניו־יארק, און דאך הערשט דארטן די זעלבע פינסטערניש, ווי מיט פופצן יאר צוריק, ווען מען איז נאך געפארן אויף אקסן.

אין סאוועט רוסלאנד האט ער ניט געפונען קיין שיינקייט, די ארכיטעקטור דארטן איז זייער אן ארימע. די אלטע געביידעס, פארבליבן בירושה פונם צארישן רוסלאנד, זיינען אומגעלומפערט. די איינציקע אויסנאם זיינען די גאלדענע דאמען (קופאלן) פון די קירכן און קאטעדראלן אין מאסקווע און אין לענינגראד, און דער שפיץ פון דער אדמיראליטעט געביידע אין לענינגראד, וואס מאכן א וואונדערבארן איינדרוק.

וואס איז שייך די נייע געביידעס, אויסגעבויט אונטערן סאוועטישן רעזשים, מאכן זיי א שוידערלאכן, שרעקאנווארפנדיקן איינדרוק מיט זייער איינפאכער אוטיליזאטארישקייט, — זיי זיינען געבויט פאר נעבוויכלאכקייט, און וועלכן ס'איז חוש פאר שיינקייט.

* * *

וואס זשע איז די שוידערלאכקייט דערפון?

דאס ווייזט, צוזאמען מיט אנדערע פאקטן, אז דער סאוועטישער רעזשים שטרייבט אן אלע זיינע כחות אויף דער אינדוסטריעלער אנטוויקלונג פונם לאנד, ניט שיינקענדיק גענוג אויפמערקזאמקייט צו דער גלייכצייטיקער גייסטיקער דערהויבונג פון דער באפעלקערונג.

עס שאפט זיך אזוי א "פראנקענשטיין" (א גולם), אן א נשמה, וואס קאן צום סוף פארניכטן זיין באשעפער, — וואס שטעלט אין געפאר דעם גאנצן סאוועטישן סיסטעם.

די מערב אייראפייאישע ציוויליזאציע האט שוין פארזוכט דעם טעם פון דעם גולם, — די גרויסע מלחמה און אירע ביטערע פאלגן, פון וועלכע מען ליידעט אזוי שווער . . .

וועט די סאוועטישע ציוויליזאציע גיין אין דעם דאזיקן וועג, דאן שטעלט זי זיך אוועק אונטער א גרויסן פראגע־צייכן.

* * *

ער האט אבער פון דער צווייטער זייט אויך באמערקט גוטע סמנים, וואס געבן די האפענונג, אז די סאוועטישע ציוויליזאציע נויגט אפ פון אט דעם געפערלאכן וועג און שיינקט אויפמערקזאמקייט צו דער פארמענשלאכונג פון דעם לעבן.

אוודאי זיינען דארט באגאנגען געווארן אומענשלאכע טאטן, און מען [illegible] ניט לייקענען, אז די רעגירונג איז [illegible] באניין גוואלדטאטן אויך ביי היינטיקן טאג.

אבער אט איז א רייע קולטורעלע אויפטוען פון דער סאוועטישער רעגירונג, וועלכע ער האט פאר דער קורצער צייט וואס ער האט דארטן פארבראכט אויך געקאנט באמערקן:

1. די סאוועט רעגירונג פירט אן אן ענערגישן קאמף פאר דער ליקווידאציע פונם אנאלפאבעטיזם, און פאר 13 יאר צייט האט זי פארקלענערט דעם פראצענט אנאלפאבעטן פון 80 ביז 18.
2. די סאוועט רעגירונג האט פארהיט אלע אלטע קינסטלערישע אוצרות, וועלכע ווערן איצט געהאלטן אין מוזייען, אין וועלכע עס זיינען פארוואנדלט געווארן די אלטע צארישע און פירשטלאכע פאלאצן.
3. א סך פון אט די פאלאצן זיינען פארוואנדלט געווארן אין ארבעטער רו־היימען. די געוועזענע צארישע פארשטאט פון פעטערבורג, "צארסקאיע סעלא" (קייזערלאכע דארף) הייסט איצט "דיעטסקאיע סעלא" (קינדער־דארף), — ס'איז א רו פלאץ פאר ארבעטער קינדער.
4. באזונדערס רירענד איז דער אופן, ווי די רעגירונג האט ליקווידירט די וואולדיקע קינדער־היימלאזיקייט, וואס איז איר איבערגעבליבן בירושה פון דער מלחמה און בירגער־קריג, און די וואונדערבארע קינדער־היימען וואס ער האט באזוכט.

* * *

פראפ. אסבארן גיט נאך צו דעם פארזוך פון סאוועט רוסלאנד צו שאפן א נייעם סארט ליטעראטור און קונסט, וואו דער יחיד זאל זיין בלויז דער אויסדרוק פונם קאלעקטיוו.

ער גיט צו, אז די אינדיווידועלע קינסטלער זיינען זייער עגאאיסטיש, און עס וואלט, הייסט עס, געווען גוט, ווען דער סאוועטישער פארזוך זאל זיין דערפאלגרייך. ער איז אבער ניט זיכער אין דעם דערפאלג און שטעלט דעם עקספערימענט אונטער א פראגע צייכן.

בכלל אבער גיט דאס אלץ האפענונג, אז דער סאוועטישער עקספערימענט זאל ניט באשריינקען זיך בלויז אויף דער שאפונג פון א נשמה־לאזן גולם, וואס זאל פארניכטן זיין באשעפער.

* * *

דאס איז אינקורצן דער אינהאלט פון פראפ. אסבארנס רעדע.

דאס אונז מיט א קורצער צייט צוריק פרץ הירשביין דערציילט א סך מער וועגן סאוועטן פארבאנד, אבער ער איז געווען אזוי באגייסטערט פון סאוועטישן עקספערימענט, אז ער האט פארשווייגן אדער געמאכט זוניג אויף זיינע שעדלאכע אדער געפערלאכע טענדענצן.

גינא מעדעם איז נאך ווייטער געגאנגען, פארלייקענענדיק דאס שלעכטע מיר האבן געלייענט, און געהערט אויף פארקערטע באריכטן, וואס האבן דארטן געפונען בלויז אל־דאס־ביין. זיי האבן דערפאר געמוזט מאכן דעם איינדרוק פון סוביעקטיווע, צונעפארבטע באריכטן.

פראפ. אסבארן האט אבער אפנים פארהיט זיין אביעקטיוויטעט, ניט געקוקט אויף דעם וואס דער סאוועטישער עקספערימענט האט אויף אים בכלל געמאכט א קאלאסאלן איינדרוק.

פראווינציעלע וואלן מעגלאך אין מאניטאבא דעם הארבסט

אנאנס פון פרעמיער ברעקען דערווארטעט פרייטאג, נאך א וויכטיקער זיצונג פונם פראווינציעלן קאבינעט. — וואלן קאנען ניט פארקומען פאר דעם 20טן נאוועמבער

די קלאנגען וואס טראגן זיך דא ארום לעצטנס וועגן דער מעגלאכקייט פון פראווינציעלע וואלן דעם הארבסט, זיינען פארשטארקט געווארן נעכטן, נאכדעם ווי עס איז געווארן באקאנט, אז די רעגירונג האט פארופן א ספעציעלן קאקוס פון אלע אירע מיטגלידער אין דער לעגיסלאטור אויף דעם פרייטאג.

פרעמיער ברעקען האט זיך דערווייל אפגעזאגט פון צו מאכן וועלכע ס'איז דערקלערונגען וועגן די צילן פונם קאקוס, און דאס האט נאך פארשטארקט די מיינונג, אז דער קאקוס ווערט גערופן צו באשליסן די פראגע פון באלדיקע וואלן.

דער טערמין פון דער לעגיסלאטור ענדיקט זיך ערשט קומענדיקן יוני, אבער די אלגעמיינע מיינונג איז לעצטנס געווען, אז די לעגיסלאטור וועט ניט דערציען ביז צום סוף פון דעם טערמין, און פון פארשיידענע האנדלונגען פון דער רעגירונג האט מען געדרונגען, אז זי גרייט זיך צו וואלן דעם הארבסט. די קאנסערוואטיוון גרייטן זיך אויך צו וואלן שוין פאר א לענגערער צייט, און זיי האבן ביז איצט שוין נאמינירט 24 קאנדידאטן.

לויטן געזעץ, מוז די רעגירונג געבן ניט ווייניקער ווי 35 טעג נאטיס פאר נייע וואלן. ווען די רעגירונג זאל מאכן איר אנאנס דעם פרייטאג און זאל געבן בלויז דעם מינימום נאטיס, וועלן די וואלן נאך אלץ ניט קאנען פארקומען פריער ווי דער 20טער נאוועמבער. דאס איז אגב אן ערך אין דער זעלבער צייט, ווי די וויניפעגער מוניציפאלע וואלן.

וועלס שלאגט פאר פלאן פאר לייזונג פון וועלט פראבלעמען, וועלכן קיינער וועט ניט אננעמען

ניו־יארק, אקט. 14. — ה. ג. וועלס, בארימטער ענגלישער נאוועליסט, וועלכער איז געקומען קיין אמעריקע צו פארברענגען א חודש צייט, האט א פלאן, ווי צו לייזן די עקאנאמישע פראבלעמען פון דער וועלט, אבער ער גלויבט, אז קיינער וועט זיין פלאן ניט אננעמען.

ה. ג. וועלס האט פאר די אינטערוויוארנדיקע צייטונגסלייט גערעדט א שעה צייט וועגן רעוואלוציעס, די געפארן פון א נייער מלחמה, דעם דורכפאל פון אלע עקאנאמישע פלענער און דעם צוזאמענברוך פון דער ציוויליזאציע פונם 20טן יארהונדערט, וועלכן ער דערווארט אין דער נאענטער צוקונפט.

זיין פלאן באשטייט פון די פאלגנדיקע זעקס פונקטן:

1. די לייזונג פון רעגירונגס און עקאנאמישע פראבלעמען דורך עקספערטן, אנשטאט פאליטיקער.
2. די פראבלעמען זאלן באהאנדלט ווערן אויף א וויסנשאפטלאכן שטייגער.
3. אלגעמיינע רעדיסטריבוציע פון רייכטימער און הכנסות.
4. קאנטראל איבער ספעקולאציע.
5. אלוועלטלאכער קאנטראל פון געלט וואליוטע.
6. אנטוואפענונג.

די איצטיקע דעפרעסיע, האט מר. וועלס געזאגט, איז פאראורזאכט געווארן פון נאציאנאליזם אין פראנקרייך א צוזאמענברוך פון וואליוטע צוליב נאך מלחמה'דיקע סיבות, און דאס איבערוואוקס פון פראדוקציע אין פארגלייך מיט געברויך, וואס איז א גאנץ נייע דערשיינונג אין דער געשיכטע.

דער צוזאמענברוך פון דער היינטיקער ציוויליזאציע, גלויבט ער, איז ניט בלויז א מעגלאכקייט, נאר א ווארשיינלאכקייט, און ער שרייבט איצט א בוך וועגן דעם האט ער געזאגט.

וועגן פרעמיער מאקדאנאלד האט מר. וועלס געזאגט, אז ער איז ניט זייער א באוואונדערער, ווייל מר. מאקדאנאלד איז, אין זיין מיינונג, צו טעאטראליש.

אויף דער פראגע וואס ער דיינקט וועגן בערנארד שאוס מיינונגען איבער סאוועט רוסלאנד, האט מר. וועלס געזאגט: "איך גלויב אז איך דארף זיך ניט מישן אין די פראצעסן פון מר. שאוס נשמה. ער איז מיין עלטערער, און איך רעספעקטיר אים".

סעסיע פון רייכסטאג עפנט זיך אונטער שטרייגנער פאליציי וואך

בערלין, אקט. 14. — די ערשטע סעסיע פונם דייטשן רייכסטאג פון לעצטן מארט אן האט זיך נעכטן געעפנט אונטער א שטרייגנער וואך פון דער פאליציי, כדי צו פארהיטן עס זאלן ניט פארקומען קיין ראיאטן ווי ביי דער עפענונג פון דער סעסיע לעצטן ווינטער.

די גאסן זיינען געווען באוואכט פון מאסן פאליציסטן, און די רייכסטאג געביידע האט אויסגעזען ווי א פעסטונג, ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט פאליצייאישע מאטאר־טראקס.

קאנצלער ברונינג מיט זיין גאנצן נייעם קאבינעט זיינען געווען אנוועזנד ביי דער זיצונג, אבער די נאציאנאליסטישע אפאזיציע איז דעמאנסטראטיוו ניט געקומען צו דער עפענונג און איז ערשט שפעטער אריינגעקומען אין הויז.

דערקלערט קריג דער ברונינג רעגירונג, אנאנסירנדיק, אז ער איז גרייט איבערצונעמען די דיקטאטור איבער דייטשלאנד.

איינער פון זיינע ארויסהעלפער האט אויך דערקלערט, אז די נאצים נעמען איצט אן די הילף פון הוגענבערגס נאציאנאליסטן, פראנץ סעלדטעס "שטאלענע העלמעטס" און אנדערע קלענערע נאציאנאליסטישע גרופירונגען, כדי צו באנוצן זיך מיט זיי צו פארכאפן די מאכט אויף א געזעצלאכן אופן. דערנאך אבער וועלן זיי פארווארפן די נאכשלעפער אן א זייט.

די רעדנער האבן דערקלערט, אז פאר דייטשלאנד שטייט פאר דער אויסוואל פון פאשיזם אדער קאמוניזם, און אז ברונינגס שוואכע רעגירונג מוז באזייטיקט ווערן.

(::)

היטלער זוכט געזעצלאכע מיטלען צו פארכאפן די מאכט

הארצבורג, דייטשלאנד, אקט. 14. — ביי דער גרויסער אנגריף פארזאמלונג דא האט אדאלף היטלער

פאלעסטינער שולן פארבלייבן נאך אלץ געשלאסן

באשלוס פון לערער ניט פארווירקלאכט געווארן

ספעצ. טעלעג. צו ד. א. וו. פון "איטא"

ירושלים, אקט. 14 (איטא). — ניט געקוקט אויף דעם באשלוס פון די לערער צו עפענען גלייך די געשלאסענע ציוניסטישע שולן אין לאנד, זיינען די שולן נעכטן געבליבן געשלאסן. די אורזאך איז געווען, ווייל די רעזאלוציע פון די לערער האט געפאדערט, אז דער בודזשעט זאל פארבלייבן ווי ער איז אנגענומען געווארן אין באזעל, בעת די עקזעקוטיווע באשטייט אויף א שניט פון נאך 20 טויזנט פונט פונם באזעלער בודזשעט.

באריכט וועגן גאלד אנטדעקונג אין ארץ ישראל

ירושלים, אקט. 14 (איטא). — עס ווערט דא באשטעטיקט, אז די קאנצעסיע פונם געוועזענעם טערקישן אפיצער צו זוכן גאלד אין ארץ־ישראל, איז געווען דערפאלגרייך. לויטן אפמאך דארף די רעגירונג קריגן האלב פונם געפונענעם גאלד.

— — —

ווי עס ווערט באריכטעט, ארבעטן שוין אכציק אראבער ביי דער קאנצעסיע, און עס ווערט דערווארטעט, אז 200 זאלן קירצלאך זיין באשעפטיקט ביי דער ארבעט.

(::)

ליגע צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם האלט אפ קאנגרעס

פאריז, אקט. 14 (איטא).— די אינטערנאציאנאלע ליגע צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם האט דא געעפנט איר דריטן יערלאכן קאנגרעס אין דער אנוועזנהייט פון עטלאכע דעלעגאטן, אונטער דער פארזיצערשאפט פון ה' ווערנהיים.

סט. פאול אליע, אין זיין עפענונגס רעדע, האט אפגעגעבן א באריכט וועגן דעם באאומרואיקנדיקן וואוקס פונם אנטיסעמיטיזם פאר דעם לעצטן יאר.

בערנארד לעקאש, אין זיין באריכט צו דער ליגע, האט באשריבן מיט איינצלהייטן דעם וואוקס פונם אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד, און ער האט דערקלערט, אז א פארבינדונג איז איצט איינגעשטעלט געווארן צווישן דער דייטשער און דער פראנצויזישער ליגע קעגן דעם אנטיסעמיטיזם, מיט אן אויסטויש פון אינפארמאציעס צווישן דער ליגע און דעם צענטראלן פאראיין און דעם פארבאנד פון דייטשע אידן.

(::)

וועט דארפן אפזיצן צוויי יאר פאר צולאטכענען קלארנעט

צי איז דזשייקאב א. בעי א קאמפאזיטאר, א דירינגענט, א סאליסט אדער גלאט א ליבהאבער פון מוזיק, איז ניט באקאנט, ווייל ווי עס זעט אויס, איז זיין נאמען ניט פארצייכנט אין דער ענציקלאפעדיע פון די אנגעזעענע מוזיקער — אבער א קלארנעט וואס ער האט פארקלעפטאמאניעוועט, האט אים פאראורזאכט גרויסע צרות, און דער מאגיסטראט האט אים נעכטן אין שטאטיקן פאליציי געריכט פארשיקט הינטער די גראטעס פון דער מאניטאבא פעניטענציארי אויף צוויי יאר.

בעי וועלכער האט אויף זיך געהאט אנדערע קלאגעס, פאר וועלכע די גערעכטיקייט גיט ניט קיין גלעט איבערן בעקל, האט "געלאטכנט" דעם מוזיקאלישן אינסטרומענט פון אן אוטאמאביל. זיין קרימינאלע קאריערע האט זיך אנגעפאנגען, אזוי ווייט ווי די רעקארדס פון דער פאליציי ווייזן; אין יאר 1919, ווען ער איז אנגעקלאגט געווארן פאר פאלשע פרעטענזיעס און ער האט דאמאלסט געקראגן סוספענדירטן אורטייל.

אין יאר 1922, האט ער געקראגן דריי מאנאטן פאר שווינדל און נאך צוויי מאנאטן אין 1927 פאר אן ענלאכער קלאגע. אין דעם זעלבן יאר האט ער געקראגן א סוספענדירטן אורטייל טערמין פאר א גנבה וואס ער איז באגאנגען אין א הויז.

איינגעשלאסן אינם דירעקטאראט פון די קאנאדער נאציאנאלע אייזנבאנען

ר. בייראן הארנער, פון בלעין לעיק, סאסק. (פון אויבן), און דזשיימס ראמזעי, פון עדמאנטאן, אלטא. (אונטן), וועלכע זיינען באשטימט געווארן מיטגלידער פונם דירעקטאראט פון די קאנ. נאציאנאלע אייזנבאנען, לויט אן אנאנס פון האנ. ר. דזש. מעניאן, קאנאדער מיניסטער פאר אייזנבאנען און קאנאלן.

(::)

דייטשע שיף איינגענטימער באיקאטירן סאוועט רוסלאנד

האמבורג, דייטשלאנד, אקט. 14. — א באשלוס ניט צו שיקן מער קיין דייטשע שיפן אין די סאוועטישע פארטן איז נעכטן אנגענומען געווארן פון די דייטשע שיף איינגענטימער, אויפן גרונט וואס א רייע סטרייקס זיינען לעצטנס פארגעקומען אויף דייטשע שיפן אין סאוועטישע האפנס, וועלכע זאלן האבן געשטיצט געווארן פון דער סאוועטישער מאכט.

לויט ידיעות וואס זיינען אהער אנגעקומען, זיינען 41 דייטשע פראכט שיפן פארבונדן אין די האפנס פון לענינגראד, אדעס און אנדערע פונקטן אין סימפאטיע סטרייקס אין פארבינדונג מיט ארבעטער קאמף אין האמבורג.

(::)

פרעמיער בענעט שטודירט לאגע פונם קאנאדער דאלאר

אטאווא, אקט. 14. — פרעמיער בענעטס נסיעה קיין ניו־יארק נעכטן, ווערט דא אנגענומען, איז געמאכט געווארן ניט בלויז מיטן צוועק צו באטייליקן זיך דארטן אינם באנקעט פונם קענעדיען קלוב פון ניו־יארק לעצטן אוונט.

פרעמיער בענעט האט לעצטנס פיל בעראטן זיך מיט קאנאדער באנק אויטאריטעטן וועגן דער לאגע פונם קאנאדער דאלאר, און מען גלויבט, אז ער וועט אין ניו־יארק אונטערזוכן דעם ענין, בעראטנדיק זיך דארטן מיט לאקאלע פינאנסירן.

(::)

ניין ארעסטירט אין ראיאטן אין וויסקאנסין

רעסין, וויס., אקט. 13. — אכט מענער און איין פרוי זיינען דא לעצטן אוונט ארעסטירט געווארן ווי א רעזולטאט פון ראיאטן וואס זיינען אויסגעבראכן, בעת די פאליציי האט געזוכט צו פארטרייבן א קאמוניסטישע פארזאמלונג פון ארום דריי הונדערט פערזאן, אין פארבינדונג מיט די ספעציעלע קאנגרעס וואלן וואס ווערן דא דורכגעפירט.

איינשטיין איז שטרייגנג באוואכט פון פאליציי אין ווין

מען האט מורא פאר אנטיסעמיטישן אנפאל

ספעצ. טעלעג. צו ד. א. וו. פון "איטא"

ווין, אקט. 14 (איטא). — אויסערגעוויינלאכע פארזיכטיקייט מיטלען זיינען אנגענומען געווארן פון דער ווינער פאליציי אין פארבינדונג מיט פראפ. איינשטיינס באזוך דא פאר א לעקציע.

פראפ. איינשטיין איז אנגעקומען אהער אינקאגניטא, און ער איז באגעגנט געווארן ביי דער סטאנציע בלויז פון פאליציי און א צאל פראפעסארן, אבער פונם ברייטן עולם און אין דער פרעסע האט קיינער ניט געוואוסט וועגן זיין אנקום.

פארזיכטיקייט מיטלען זיינען אויך אנגענומען געווארן בנוגע זיין לעקציע. בלויז די וואס האבן געקראגן א ספעציעלע איינלאדונג וועלן אריינגעלאזן ווערן, און די צאל פון איינגעלאדענע איז שטארק באשריינקט, אויס מורא פאר אנטיסעמיטישע אויסברוכן.

(::)

קריזיס באווירקט צאל חתונות און געבורטן אין וויניפעג

געבורטן און חתונות אין וויניפעג, ווייזן א באדייטנדיקע פארקלענערונג פארן סעפטעמבער מאנאט, אין פארגלייך מיטן זעלבן חודש לעצטן יאר, און די צאל טויט פאלן זיינען דעם זעלבן מאנאט געווען עטוואס מער, לויט א באריכט וואס איז ארויסגעגעבן געווארן פון שטאטיקן דעפארטמענט פון וויטאלע סטאטיסטיקס.

358 קינדער זיינען געבארן געווארן אין וויניפעג, אין סעפטעמבער חודש, 203 אינגלאך און 182 מיידלאך. אין סעפטעמבער 1930, זיינען דא געבארן געווארן 453 קינדער.

אויף די חתונה "אינדוסטריע" האט געליטן א גרויסן פארלוסט. 248 פארלאך האבן חתונה געהאט אין וויניפעג אין סעפטעמבער מאנאט, אין פארגלייך מיט 307 חתונות אין זעלבן מאנאט פון לעצטן יאר.

געשטארבן זיינען לעצטן מאנאט 148 נפשות. 73 זכרים און 75 נקבות. פאריארן אין סעפטעמבער זיינען געשטארבן אין וויניפעג 142 נפשות.

(::)

נאך צוויי לענדער גיבן אויף גאלד סטאנדארד

לאנדאן, אקט. 14. — די בריטישע קאלאניעס פון צפון און דרום ראודעזיא, אין דרום אפריקע, האבן אויפגעגעבן זייער גאלד סטאנדארד.

אויף פינלאנד, וואס האט ערשט ניט לאנג צוריק דערקלערט אז זי וועט זיך האלטן אין דעם גאלד סטאנדארד האט איצט בשלאסן אים אויפצוגעבן. די אנדערע סקאנדינאווישע לענדער, שוועדן, נארוועגיע און דענמארק, האבן אויפגעגעבן ביי זיך דעם גאלד סטאנדארד נאך באלד נאך ענגלאנד.

יאפאנעזישע עראפלאנען באמבארדירן ווידער כינעזישן צוג ביי אייזנבאן סטאנציע אין מאנדזשוריע

פעלקער־ליגע עפנט איר זיצונג צו באטראכטן מיטלען ווי אויסצוגלייכן כינעזיש־יאפאנעזישן סכסוך

פיפינג, כינע, אקט. 14. — די כינעזישע הויפט־קווארטיר אין מאנדזשוריע מעלדעט, אז עטלאכע יאפאנעזישע עראפלאנען האבן באמבארדירט א צוג אויף דער אייזנבאן סטאנציע אויף דער טאהוזיאן ליניע, צווישן מוקדען און טשינטשאו, בעת כינעזישע טרופן זיינען געגאנגען אינם צוג וואס האט זיי געזאלט אפפירן אין דער דרום ריכטונג. עס ווערט ניט באריכטעט, אז אימיצער זאל האבן דער'הרג'עט געווארן פון די באמבעס.

זשענעווא, אקט. 14. — די פעלקער־ליגע פארזאמלונג האט נעכטן געעפנט איר ספעציעלע זיצונג צו באטראכטן מיטלען ווי אויסצוגלייכן דעם סכסוך צווישן כינע און יאפאן.

דר. סצע האט אין נאמען פון דער כינעזישער רעגירונג באריכטעט וועגן דער לאגע, פארדאמענדיק יאפאנס געוואלדטאטן און מיליטערישע אגרעסיע, און ער האט געפאדערט די ליגע זאל ווירקן אויף יאפאן די זאל גלייך צוריקציען אירע טרופן פון מאנדזשוריע. ער האט דערקלערט, אז די ליגע מוז האנדלען גלייך, אויב זי וויל אויסמיידן זייער ערנסטע פאלגען.

האנקאו, כינע, אקט. 14. — אין פנים פון די פיינטלאכע דעמאנסטראציעס פון דער כינעזישער באפעלקערונג, ציען זיך צוריק די יאפאנעזישע טרופן פון דער טשעכוואן פראווינץ. עס קומען אויך פאר מאסן עוואקאציעס פון יאפאנעזישע איינוואוינער פון פארשיידענע פונקטן.

טאקיא, יאפאן, אקט. 14. — פון מוקדען ווערט געמאלדן, אז אין פנים פון שטרייגע ווארנונגען מצד דער יאפאנעזישער מיליטערישער מאכט האט גאווערנאר טשאנג הסוע ליאנג אנגעהויבן צוריקציען זיינע טרופן פון מאנדזשוריע צו דרום צו.

סאוועטישער ווייץ עקספארט צוויי מאל גרעסער ווי לעצטן יאר

אטאווא, אקט. 14.— פון לאנדאן מעלדעט מען אהער, אז אין פארלויף פון די פיר מאנאטן, פון אווגוסט ביז נאוועמבער, פון לעצטן יאר, האט די סאוועט רעגירונג עקספארטירט 59 מיליאן בושל ווייץ קיין ענגלאנד. צווישן אווגוסט און דעם 9טן אקטאבער, 1930 האט די ראטן־מאכט עקספארטירט 22 מיליאן בושל ווייץ און פון דעם ערשטן אווגוסט ביז דעם 9טן אקטאבער פון היינטיקן יאר האט איר ווייץ עקספארט דערגרייכט צו 44 מיליאן בושל.

אין אנדערע ווערטער, — די סאוועטן רעגירונג האט היינטיקן סעזאן כעמט ווי פארצווייפאכט איר ווייץ עקספארט צו ענגלאנד. מען גלויבט אז דער סאוועטישער ווייץ עקספארט האט זיך דערמיט היינטיקס יאר פארענדיקט.

די קאנפידענציאנעלע דעפעשע צו דער קאנאדער רעגירונג דערקלערט, אז די אנלאדונגען פון שיפן מיט ווייץ פאר עקספארט אין רוסלאנד איז א סך פארקלענערט געווארן. עס ווערט געזאגט, אז די ווייץ זאמלונג אין לאנד גופא איז א סך ווייניקער ווי מען האט דערווארטעט, און אז די עקספארט פארטן האבן א שוועריקייט צו אנלאדן די שיפן וועלכע געפינען זיך דארטן.

כאטש די דאזיקע אינפארמאציע איז ניט זיכער, ווערט אבער געזאגט, אז די עקספארט ציפערן זיינען ריכטיק.

(::)

דייטשע רעוויזיאניסטן שפאלטן זיך אפ

בערלין, אקט. 14 (איטא). — די דייטשע רעוויזיאניסטן האבן אנגענומען א באשלוס איבערצורייסן זייערע באציאונגען מיט דער אלגעמיינער ציוניסטישער פעדעראציע.

דער באשלוס איז אנגענומען געווארן אין אנקלאנג מיט דער פשרה אנגענומען ביי דער רעוויזיאניסטישער קאנפערענץ אין קאלי, וואס גיט דאס רעכט צו יעדער רעוויזיאניסטישער ארגאניזאציע אנצוהאלטן אדער איבערדרייסן די באציאונגען מיט דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

די אורזאך אנגעגעבן פון די דייטשע רעוויזיאניסטן פאר זייער אפשפאלטונג איז די פשרה פאליטיק פון דעם ציוניסטישן ארגאן "יודישע רונדשוי".

פולישע רעגירונג באשריינקט די רעכט פון אידישע קהלות

ווארשע, אקט. 14 (איטא). — די באשריינקונג פון די רעכט פון די אידישע קהלות ווערט היינט אנאנסירט אין דער אפיציעלער גאזעט פון פילסודסקים רעגירונג.

עס ווערט דערקלערט אין דעם רעגירונגס אנאנס, אז די קהלות וועלן מער ניט האבן קיין רעכט ארויפצולייגן קיין שטייער אויף אירע מיטגלידער לויט זייער אייגענער אפשאצונג, נאר די שטייערן וועלן מוזן באשטימט ווערן אויפן באזיס פון די רעגירונגס שטייערן וואס ווערן געצאלט פון דעם באטרעפנדיקן מיטגליד, און די קהלה שטייערן טארן ניט באטרעפן מער ווי 10 פראצענט פון דער רעגירונגס שטייערן.

די רעגירונג נעמט ווייטער אפ פון דער קהלה דאס רעכט צו פארדינגען צו פריוואטע פערזאנען איר הכנסה פון שחיטה, נאר זי פאדערט, אז די קהלה אליין זאל זאמלען דעם שחיטה שטייער.

אידישע אנגעשטעלטע אין ווילנע סטרייקן אין סימפאטיע מיט די לערער

ווילנע, אקט. 14 (איטא). — כדי צו פארגרעסערן דעם דרוק אויף דער געזעלשאפטלאכער מיינונג צו מאכן א סוף צום סטרייק פון די אידישע לערער וואס האלט שוין אן עטלאכע וואכן, האבן עטלאכע קהל'שע אינסטיטוציעס דערקלערט א סימפאטיע סטרייק, איינשליסנדיק די אנגעשטעלטע פון די קהלה ביוראס.